# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:15
מוצאי שבת קודש............5:45

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.............................משלי ד'
בבלי........................זבחים ס"ט
ירושלמי.....................נדרים כ"ח
תוספתא.....................נגעים ה'
רמב"ם......................סנהדרין ט'


פרשת תולדות, ב' כסליו, שנת תשפ"ו לפ"ק — שנה 15, גליון 8 (726)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק. וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם וָואס דֶער פָּסוּק הוֹיבְּט אָן אַז יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען דֶער זוּן פוּן אַבְרָהָם, אוּן עֶנְדִיגְט צוּ אַז אַבְרָהָם הָאט גֶעבּוֹירְן דֶעם יִצְחָק?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נ"ג), אַז וֶוער סְ'הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער הָאט אַ גוּט לֶעבְּן, עֶס גֵייט אִים אֵייבִּיג גוּט, סַיי וִוי אַזוֹי זַיין לֶעבְּן פִירְט זִיךְ בְּלַייבְּט עֶר אַלְץ נָאר פְרֵיילִיךְ, וַוייל אוֹיבּ גֵייט אִים דָאס לֶעבְּן וִוי עֶר וִויל, אִיז דָאךְ זִיכֶער גוּט, אוּן אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, אִיז אִים אוֹיךְ גוּט, וַוייל עֶר אִיז זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן וֶועט אִים הֶעלְפְן, וַוייל אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאךְ זִיכֶער אַלֶעס נָאר פַאר זַיין טוֹבָה; אֵיינֶער וָואס הָאט אָבֶער נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, הָאט עֶר מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, עֶר אִיז אַלְץ טְרוֹיעֶרִיג אוּן נִישְׁט צוּפְרִידְן, וַוייל וִוי נָאר עֶס קוּמְט אִים אַמָאל אוּנְטֶער עֶפֶּעס אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, פַארְלִירְט עֶר שׁוֹין זַיין גַאנְצְן אַפֶּעטִיט צוּם לֶעבְּן, עֶר הָאט נִישְׁט מִיט וָואס זִיךְ צוּ טְרֵייסְטְן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיוּת אוּן גוּטְס אִין זַיין לֶעבְּן, וַוייל עֶר לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶער מִיט אֱמוּנָה אִיז דָאךְ אַזוֹי גוּט אוּן לִיכְטִיג פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֶעמָאל.

דִי בֵּיידֶע זַאכְן גֵייעֶן גֶעקְנִיפְּט אוּן גֶעבִּינְדֶען, וֶוען אַ אִיד הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיז עֶר אַלְץ פְרֵיילִיךְ; אוּן דִי זֶעלְבֶּע אַרְבֶּעט עֶס אוֹיךְ אוֹיף פַארְקֶערְט, וִוי מֶער אַ אִיד אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ וַואקְסְט בַּיי אִים מֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער זַיין אֱמוּנָה.

אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶער רֹאשׁ לְמַאֲמִינִים, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אֱמוּנָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי רַשִׁ"י זָאגְט (בְּרֵאשִׁית כ"ד, ז') אַז אֵיידֶער אַבְרָהָם אִיז גֶעקוּמֶען, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוֶוען דֶער "אֱלֹקֵי הַשָּׁמַיִם", דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן הִימְל, אָבֶער וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר מֶענְטְשְׁן צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר גֶעוָוארְן דֶער "אֱלֹקֵי הָאָרֶץ", אוֹיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט מֶען שׁוֹין גֶעוואוּסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יִצְחָק גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מִדָּה פוּן שִׂמְחָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית כ"א, ו') צְחֹק עָשָׂה לִי אֱלֹקִים, כָּל הַשֹּׁמֵעַ יִצְחַק לִי. דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק, וָואס זֶענֶען דִי קִינְדֶער - דִי רֶעזוּלְטַאטְן - פוּן יִצְחָק, פוּן דִי מִדָּה פוּן שִׂמְחָה, וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ? בֶּן אַבְרָהָם, אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַ "בֶּן אֱמוּנָה", וַוייל דוּרְךְ שִׂמְחָה קוּמְט מֶען צוּ צוּ אַ רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה; אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ פַארְקֶערְט, אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק, דִי אֱמוּנָה וָואס אַ אִיד הָאט, דָאס מַאכְט עֶר זָאל זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, וִויסְן אוּן גְלוֹיבְּן אַז גָארְנִישְׁט אִיז נִישְׁט קַיין צוּפַאל, יֶעדֶע זַאךְ מַאכְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, דַאן וֶועט אוּנְז אַלְץ גֵיין גוּט, אוּן מִיר וֶועלְן אֵייבִּיג זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג. (תּוֹךְ הַנַּחַל תּוֹלְדוֹת תשע"א)

## מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### קֶענְסְט נִישְׁט אַלֵיין

אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל צוּ מוֹהַרָא"ש מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא אוֹיפְ'ן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י') אַז עֶס זֶענֶען דָא אַזֶעלְכֶע בַּעֲלֵי גַאֲוָה וָואס זֵיי וִוילְן נִישְׁט גֵיין צוּ אַ צַדִיק, זֵיי טַעֲנָה'ן אַז עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס אַז דֶער צַדִיק זָאל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר זֵיי, זֵיי הַאלְטְן זִיךְ גְרוֹיס אַז זֵיי קֶענֶען אַלֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הָאט דֶער אִיד גֶעפְרֶעגְט פוּן מוֹהַרָא"ש אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט דֶער פְּשַׁט אִין דֶעם, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דָאךְ טַאקֶע אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז יֶעדֶער אִיד קֶען אַלֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר יֶעדְן פְּרָאבְּלֶעם, אַז מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן זַיין הִילְף, פַארְוָואס רוּפְט דֶער רֶבִּי אָן אַ "בַּעַל גַאֲוָה" אֵיינֶעם וָואס זָאגְט אַז עֶר קֶען אַלֵיין מִתְפַּלֵל זַיין?

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ וִויל דִיר שְׁרַייבְּן וָואס אִיז מִיר נִתְחַדֵּשׁ גֶעוָוארְן בַּיים לֶערְנֶען סֵפֶר מִשְׁלֵי, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי טו, כז): "עֹכֵר בֵּיתוֹ בּוֹצֵעַ בָּצַע", דֶער וָואס גַנְבְ'ט, פַארְדַארְבְּט זַיין הוֹיז, "וְשׂוֹנֵא מַתָּנֹת יִחְיֶה", אוּן דֶער וָואס הָאט פַיינְט מַתָּנוֹת, דֶער וֶועט לַאנְג לֶעבְּן.

קֶען זַיין נָאךְ אַ פְּשַׁט, "בּוֹצֵעַ בָּצַע", דֶער וָואס זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז בֶּצַע, גֶעלְט; עֶר טְרַאכְט פוּן גֶעלְט, עֶר גְלוּסְט גֶעלְט, עֶר רֶעדְט פוּן גֶעלְט, דֶער אִיז - "עֹכֵר בֵּיתוֹ", עֶר מַאכְט חָרוּב זַיין הוֹיז, דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף אָן חִינוּךְ, אָן תּוֹרָה וּתְפִילָה, זֵיי זֶעעֶן אֵיין זַאךְ, גֶעלְט, גֶעלְט אוּן נָאכְאַמָאל גֶעלְט, "וְשׂוֹנֵא מַתָּנֹת", אוּן דֶער וָואס הָאט פַיינְט גֶעלְט, דֶער וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת אִיז אִים וִוִיכְטִיגֶער פוּן גֶעלְט – "יִחְיֶה", דֶער וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ לַאנְג לֶעבְּן, מִיט נַחַת, עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת; וַוייל וָואס מֶען פְלַאנְצְט אַיין – דָאס וַואקְסְט, אַז מֶען פְלַאנְצְט אַיין אֱמוּנָה, מֶען פְלַאנְצְט שִׂמְחָה – שְׁנַיידְט מֶען שֵׁיינֶע פֵּירוֹת, אוּן אַז מֶען פְלַאנְצְט גֶעלְט - "עֹכֵר בֵּיתוֹ", וֶוערְט אַלֶעס חָרוּב, עֶס וֶוערְט חוֹשֶׁךְ, מִיתָה, סִטְרָא אַחְרָא. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כג), פָּנִים דְסִטְרָא אַחְרָא, אַנְפִּין חֲשׁוּכִין, מָרָה שְׁחוֹרָה, אֱלֹהִים אֲחֵרִים, עֲבוֹדַת אֱלִילִים הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַיֵּי שָׂרָה תשפ"ו)

בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

עש"ק חַיֵּי שָׂרָה, כ"ג מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מַאךְ פְרֵיילִיכֶע סְעוּדוֹת, זִינְג אוּן טַאנְץ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, בַּיי דִי סְעוּדוֹת זָאלְסְטוּ זִינְגֶען פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז), שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

בַּיי דִי סְעוּדָה זָאלְסְטוּ זִיךְ הִיטְן פוּן קִנְאַת הַמַּלְאָכִים, פוּן זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן, פוּן וֶוערְן בְּכַּעַס חַס וְשָׁלוֹם, הִיט זִיךְ פוּן כַּעַס אוּן פוּן מַחְלוֹקֶת. וֶוען עֶס קוּמְט פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס זֶענֶען דִי מַלְאָכִים מְקַנֵא דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן זֵיי זוּכְן אִים אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן אִין מַחְלוֹקֶת, אִין כַּעַס; גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ גָארְנִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן שַׁבָּת".

נֶעם דַיינֶע קִינְדֶער אִין מִקְוֶה, נֶעם זֵיי אִין אַ צַייט וָואס עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעפִילְט. לֶערְן זֵיי אוֹיס צְנִיעוּת אוּן קְדוּשָׁה, לֶערְן זֵיי אוֹיס ווִי אַזוֹי מֶען טוּט זִיךְ אוֹיס אוּן ווִי אַזוֹי מֶען טוּט זִיךְ אָן; בַּיים אוֹיסְטוּן הֵייבְּט מֶען אָן פוּן דִי שִׁיךְ אוּן מֶען גֵייט אוֹיף אַרוֹיף, אוּן בַּיים אָנְטוּן הֵייבְּט מֶען אָן פוּן אוֹיבְן אַרָאפּ. עֶס לוֹינְט דִי אִינְוֶועסְטְמֶענְט, עֶס לוֹינְט דָאס זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט קִינְדֶער, שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען נָאר נַחַת.

בְּרֶען אָפּ דִי לֶעכְט, וַוארְט נִישְׁט אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, טוּ עֶס שׁוֹין פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי, אוּן בַּיים אָנְגְרֵייטְן דִי לֶעכְט אוּן בַּיים אָפְּבְרֶענֶען דִי לֶעכְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אַלֶע זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן טוּן מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

וֶוען דַיין וַוייבּ צִינְדְט דִי לֶעכְט זָאלְסְטוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, זָאלְסְט דֶעמָאלְט זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים בְּקוֹל, אוּן טוּ זִיךְ פַארְבֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִי זִיסֶע פְּסוּקִים פוּן (שִׁיר הַשִּׁירִים א, ד): "מָשְׁכֵנִי אַחֲרֶיךָ נָּרוּצָה", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער צִי מִיךְ צוּ דִיר, הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק נָאר לוֹיפְן צוּ דִיר, טוּן דַיין ווִילְן, "שְׁחוֹרָה אֲנִי", אִיךְ זֶע טַאקֶע אוֹיס ווִי אִיךְ זֶע אוֹיס, אָבֶּער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם – "וְנָאוָה", אִיךְ בִּין שֵׁיין וַוייל אִיךְ טוּ מִצְווֹת (שָׁם, ה), בֶּעט אִיךְ דִיר, "אַל תִּרְאוּנִי שֶׁאֲנִי שְׁחַרְחֹרֶת", קוּק נִישְׁט אוֹיף מִיר אַז אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְשְׁוַוארְצְט, וָואס זָאל אִיךְ טוּן, אִיךְ הָאבּ אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרָע, "שֶׁשְּׁזָפַתְנִי הַשָּׁמֶשׁ", דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר אַזוֹי ווִי דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע זוּן, "בְּנֵי אִמִּי נִחֲרוּ בִי", אִיךְ בִּין אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט דִי פֶעלְקֶער אוּן דָאס מַאכְט מִיךְ פַארְשְׁוַוארְצְט (שָׁם, ו), אוֹי ווִי זִיס אוּן ווִי בֶּענְקֶעדִיג אִיז דָאס זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים פְרַייטָאג פַאר נַאכְטְס. אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַיֵּי שָׂרָה תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תּוֹכָחָה

יא. מִי שֶׁאֵינוֹ מְקַבֵּל מוּסָר, נִדּוֹן בְּמִיתָה. וֶוער עֶס נֶעמְט נִישְׁט אָן מוּסָר, קֶען וֶוערְן גֶעשְׁטְרָאפְט צוּ דַארְפְן שְׁטַארְבְן.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוֹיף דֶעם גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דֶער תֵּירוּץ אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט. עֶס אִיז טַאקֶע אֱמֶת אַז יֶעדֶער אִיד קֶען אוּן דַארְף אַלֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוֹיבּ אָבֶּער גֵייט מֶען נִישְׁט צוּ אַ צַדִּיק, וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען קַיין לַאנְגֶע צַייט בִּיז מֶען וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים. אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ טַאקֶע שְׁטַארְקְן אוּן בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען עֶס וֶועט אָבֶּער אַרִיבֶּערְגֵיין אַ שְׁטִיק צַייט וֶועט עֶר פַארְלִירְן דֶעם אַפֶּעטִיט, אוּן עֶר וֶועט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם. אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, צוּ בַּאקוּמֶען דִי הִתְחַזְּקוּת אוּן שְׁטַארְקֵייט אַז מֶען זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן נָאר שְׁטֶענְדִיג זָאל מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

דֶער צַדִּיק הָאט שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אֵיין שְׁטִיק תְּפִלָּה, אַזוֹי ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ (תְּהִלִּים קט, ד) "וַאֲנִי תְפִלָּה". דֶער צַדִּיק הָאט שׁוֹין פַארְבְּרֶענְגְט אַזוֹיפִיל טֶעג אוּן יָארְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן ווִי זַיין נַאטוּר, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר דִי כּוֹחוֹת זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין יֶעדְן שְׁוֶוערְן מַצָּב, אוּן עֶר קֶען אוֹיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מֶען זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט נָאכְלָאזְן פוּן תְּפִלָּה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַן אוֹיבֶּער-חָכָם אוּן עֶר קְלֶערְט אַז עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן אָן דִי עֵצוֹת פוּן צַדִּיק, אִיז דָאס זֵייעֶר נַארִישׁ, עֶר וֶועט אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָנְקוּמֶען, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַ מָשָׁל אַז אַ סוֹחֵר אִיז אַמָאל גֶעפָארְן פַאר גֶעשֶׁעפְטְן צוּ אַ וַוייטֶע לַאנְד, דֶער לַאנְד אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֶעמְד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶעם פְּלַאץ, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דִי מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר נִיטְאַמָאל גֶעקֶענְט דִי שְׁפְּרַאךְ. עֶר דְרֵייט זִיךְ דָארְט אַרוּם אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי אָנְצוּהוֹיבְּן צוּ פִירְן דָארְט גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן פְּלוּצְלִינְג טְרֶעפְט עֶר אַ הֵיימִישְׁן מֶענְטְשׁ וָואס קֶען זַיין שְׁפְּרַאךְ אוּן עֶר קֶען זִיךְ אוֹיךְ אוֹיס אִין יֶענֶע לַאנְד, אוּן יֶענֶער הוֹיבְּט אִים אָן אוֹיסְצוּלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי מֶען גֵייט זִיךְ אוּם אִין יֶענֶע לַאנְד, עֶר וַוייזְט אִים צוּ וואוּ מֶען קֶען גֵיין עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן, וואוּ מֶען קֶען פִירְן גוּטֶע גֶעשֶׁעפְטְן אוּן זִיךְ אַיינְהַאנְדְלֶען פֵיינֶע סְחוֹרָה פַאר בִּילִיג, אוּן וואוּ מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין הַאנְדְלֶען וַוייל דָארְט וֶועט מֶען וֶוערְן גוּט אָפְּגֶענַארְט.

דֶער סוֹחֵר דַארְף דָאךְ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אֵיינֶעם וָואס הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס אוּן וַוייזְט אִים דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אוּן שְׁפָּארְט אִים אַיין אַזוֹיפִיל אַרְבֶּעט. אוֹיבּ אָבֶּער הָאט דֶער סוֹחֵר נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, וֶועט עֶר זַיין אַן אוֹיבֶּער-חָכָם, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ יֶענֶעם, אוּן דַאן אִיז זֵייעֶר מֶעגְלִיךְ אַז עֶר וֶועט זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּרְכְפַאלְן.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד וָואס קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר הָאט דָא צוּ טוּן, ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ דָא אַן עֵצָה? וָואס אִיז יָא גוּט צוּ טוּן אוּן וָואס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ טוּן? אוּן עֶס קוּמְט אַ צַדִּיק וָואס גֶעבְּט אִים גוּטֶע עֵצוֹת ווִי אַזוֹי דוּרְכְצוּגֵיין דֶעם לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיפְ'ן שֶׁענְסְטְן אוֹפָן, אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, עֶר זָאל הָאבְּן אַ זִיסֶע גוּטֶע לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אוֹיךְ נָאכְדֶעם זָאל עֶר אָנְקוּמֶען וואוּ עֶר דַארְף אָנְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דַארְף דָאךְ דֶער מֶענְטְשׁ זַיין אַ גְרוֹיסֶער טִיפֶּשׁ אוֹיבּ עֶר ווִיל זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן אוּן פָאלְגְן דֶעם צַדִּיק.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִּיק וָואס קֶען אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוֹיף דֶעם לַאנְגְן אוּן שְׁוֶוערְן וֶועג אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ פָאלְגְן דִי עֵצוֹת וָואס דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אִים אוֹיס, וֶועט אִים זַיין וואוֹיל אוּן לִיכְטִיג אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"א עֶרֶךְ אֱמוּנַת חֲכָמִים וְחֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ צַדִּיק)

# לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רכח)

**תשעא**

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ג תַּמוּז, אִיז רֶבִּי נָתָן אָנְגֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב מְקַבֵּל פָּנִים צוּ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק אַהֵיימְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעיָאגְט צוּ פָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב פוּנֶעם שְׁטָאט מָאהְלוּב וואוּ עֶר הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען.

רֶבִּי נָתָן אִיז גְלַייךְ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶענוּמֶען שָׁלוֹם, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט זֵייעֶר שְׁוַואךְ, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט מִיט אִים אַ לֶענְגֶערֶע שְׁמוּעֶס, עֶר הָאט גֶערֶעדְט אִיבֶּער דֶעם אַז עֶר מוּז נִסְתַּלֵק וֶוערְן. וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן דָאס צוּ הֶערְן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, אִיךְ וֶועל אַייךְ נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן, אִיךְ וֶועל אֵייבִּיג זַיין צְוִוישְׁן אַייךְ", דֶער רֶבִּי הָאט אִים אַבִּיסְל דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט אַלְץ מִיטְגֶעמַאכְט אִין לֶעמְבֶּערְג, אוּן וִוי עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גְרֵייט דָארְט נִסְתַּלֵק צוּ וֶוערְן, אוּן אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דֶעם. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַסַאךְ בַּארִימְט מִיט דֶעם, וִוי שְׁטַארְק עֶר אִיז אִין דִי זַאךְ, אַז עֶר אִיז גְרֵייט נִסְתַּלֵק צוּ וֶוערְן אָן קַיין שׁוּם פַּחַד אוּן מוֹרָא, נָאר עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל אִים דָארְט בַּאעֶרְדִיגְן, כָאטְשׁ וָואס דָארְט לִיגְן גָאר גְרוֹיסֶע גְדוֹלֵי עוֹלָם אוּן בַּאקַאנְטֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעוָואלְט לִיגְן דָארְט, וַוייל עֶס אִיז וַוייט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט קוּמֶען צוּ זַיין קֶבֶר, מֶען וֶועט גָארְנִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן זַיין קֶבֶר. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט פָארְן נָאכְאַמָאל קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל מֶען וֶועט גָארְנִישְׁט מַאכְן בַּיי זַיין קֶבֶר.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים מְרַמֵז גֶעוֶוען אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע רֵייד, אַז וֶוען אֵיינֶער וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין קֶבֶר אוּן זָאגְן דָארְט אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים מִיט אַן הַארְצִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת, וֶועט עֶר הָאבְּן גְרוֹיס פַארְגֶענִיגְן פוּן דֶעם, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמַאכְט אַזֶעלְכֶע תְּנוּעוֹת מִיט זַיין קֶערְפֶּער אוּן זַיינֶע בֵּיינֶער אַז עֶר וֶועט זִיךְ מַמָשׁ מְחַיֶ' זַיין אִין קֶבֶר וֶוען מֶען וֶועט זָאגְן תְּהִלִּים בַּיי זַיין קֶבֶר. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִין דֶעם לִיגְן נָאךְ פִילֶע בַּאהַאלְטֶענֶע אוּן פַארְבָּארְגֶענֶע סוֹדוֹת.

רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט אִינְגַאנְצְן דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְצִיטֶערְט, עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר צוּ הֶערְן דִי וֶוערְטֶער, דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶּער דֶעמָאלְט שְׁטַארְק מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט זִיסֶע רֵייד, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעשַׁיינְט אִין אִים אַ שְׁטַארְקֶע הָאפֶענוּנְג, אַז דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז נִישְׁט פַארְלָאזְן, עֶר וֶועט אַלֶעמָאל בְּלַייבְּן צְוִוישְׁן אוּנְז.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְגֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער, "דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים הָאבּ גֶעטוּן אוּן גֶעמַאכְט מִיט זֵייעֶרֶע תּוֹרוֹת אוּן מִיט זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעטוּן, אוּן דֶערְנָאךְ וֶוען זֵיי זֶענֶען נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן הָאט זִיךְ דָאס גֶעעֶנְדִיגְט, דִי לִיכְטִיגְקֵייט וָואס זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעשַׁיינְט אִין זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים זֵיי צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעצוֹיגְן וַוייטֶער אוֹיף שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת, נָאר עֶס הָאט זִיךְ דֶעמָאלְט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי זֵייעֶר הִסְתַּלְקוּת. אִיךְ וִויל אָבֶּער מַאכְן אַזַא זַאךְ, וָואס זָאל זִיךְ הַאלְטְן אוֹיף אֵייבִּיג".

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דֶעמָאלְט אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "מַיין פֵייעֶרְל וֶועט שׁוֹין טְלִיעֶן בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען".

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# אוֹיסְהֵיילְן פְּחָדִים אוּן פַּאנִיק אַטַאקֶעס?

**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ בִּין פוּל מִיט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע פְּחָדִים שׁוֹין אַ שְׁטִיק צַייט, עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ גֶעוִויסֶע שְׁטַארְקֶע פַּחַד וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט, אוּן דֶערְנָאךְ בַּאקוּם אִיךְ פַּאנִיק אַטַאקֶעס פוּן דֶעם.

אִיךְ וֵייס אַז עֶס קוּמְט פוּן נִישְׁט הָאבְּן אֱמוּנָה, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵיינֶען "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", אָבֶּער עֶס הֶעלְפְט מִיר נִישְׁט, לֶעצְטְנְס הָאבְּן זִיךְ דִי פְּחָדִים גָאר שְׁטַארְק צוּשְׁפִּילְט, יֶעדְן טָאג פוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ. אִיךְ הוֹיבּ זִיךְ אָן וַוארְפְן פַאר פַּחַד, מַיין הַארְץ הוֹיבְּט אָן קְלַאפְּן זֵייעֶר שְׁנֶעל, אוּן דֶערְנָאךְ זֵייעֶר שְׁטַייט, נִישְׁט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן רִיטֶעם, אוּן אִיךְ דַארְף אַרְבֶּעטְן גָאר שְׁוֶוער אוֹיף מִיר זִיךְ צוּ בַּארוּאִיגְן. דִי פְּחָדִים גֵייעֶן נִישְׁט אַוֶועק, זֵיי קוּמֶען צוּרִיק יֶעדְן טָאג פַאר אַן אַנְדֶערֶע סִיבָּה.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן? אִיךְ בִּין קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ לֶעבְּן אַ רוּאִיגֶע לֶעבְּן? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ נָארְמַאלֶע לֶעבְּן אָן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּחָדִים יֶעדְן טָאג? אִיךְ וִויל פָּשׁוּט זַיין רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ וֶוער דֶערְטְרָאנְקֶען אִין פְּחָדִים, אִיךְ וֶוער אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין אַן עֶנְדְלָאזֶער יַם פוּן פְּחָדִים אוּן אִיךְ זֶע נִישְׁט דֶעם בְּרֶעג אַרוֹיס, עֶס וֶוערְט נָאר עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער פוּן טָאג צוּ טָאג, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אַרוֹיסְזֶען דֶערְפוּן, בִּיטֶע הֶעלְפְט מִיר.

אִיךְ שְׁרַייבּ יֶעצְט דֶעם בְּרִיוו אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן פוּן פַּחַד, אוּן אִיךְ הָאף זֵייעֶר אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן דִי פְּחָדִים, צוּ קֶענֶען לֶעבְּן אַ רוּאִיגֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ב מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ...**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ שָׁאד אַז נָאר יֶעצְט וֶוען דוּ וַוארְפְּסְט זִיךְ פַאר שְׁרֶעק אוּן דוּ קֶענְסְט קוֹים אָטֶעמֶען, נָאר יֶעצְט צִינְדְסְטוּ אָן נִיגוּנֵי אֱמוּנָה אוּן הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּרִיק צוּ לֵיינֶען קוּנְטְרֵסִים פוּן אֱמוּנָה, אַ שָׁאד אַז דוּ טוּסְט דָאס נִישְׁט אַלֶע דַיינֶע טֶעג; וַוייל נָאר אֱמוּנָה הֵיילְט אוֹיס דִי קְרֶענְק פוּן שְׁרֶעק, פוּן עֶנְקְזַייעֶטִי. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ה), אַז אֱמוּנָה אִיז דִי הֵיילוּנְג פַאר דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין.

קָאנְצֶעטְרִיר דִיךְ אוֹיף דִי דְרֵיי זַאכְן וֶועסְטוּ וֶוערְן

<<<<<<

אוֹיסְגֶעהֵיילְט:

1) הֶער לֶעבֶּעדִיגֶע אִידִישֶׁע נִיגוּנִים, (גוֹיִ'אִישֶׁע נִיגוּנִים מַאכְט עֶרְגֶער, עֶס צִיט אָן דִי נֶערְוֶועןִ ה' יִשְׁמְרֵינוּ), נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, נִיגוּנִים פוּן הָאפֶענוּנְג.

2) לֵיין סְפָרִים פוּן אֱמוּנָה; הַיינְט אִיז דָא טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ גֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעבּוֹיט נָאר אוֹיף אֱמוּנָה. מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דִי סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" אִין אִידִישׁ, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ בְּרִיוו, לֶערְן אִין אַ סֵדֶר, דָאס וֶועט אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי אֱמוּנָה, דָאס וֶועט דִיךְ הֵיילְן.

3) יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ בֶּעט אַ תְּפִילָה אוֹיף אֱמוּנָה, דָאס הָאסְטוּ אַ קְלֵיינֶע תְּפִילָה צוּ זָאגְן, אוּן לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן פוּן גָארְנִישְׁט אוּן פוּן נִישְׁט, עֶס צִיטֶערְט מִיר מַיין גַאנְצֶע קֶערְפֶּער, יֶעדֶע מִינוּט פוּן אַ צְוֵוייטֶע שְׁרֶעק, אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין אַזוֹי, עֶס כַאפְּט מִיר אָן אַ פְּלוּצְלוּנְגְדִיגֶע פַּחַד, עֶס וֶוערְט אַזוֹי שְׁטַארְק אַז אִיךְ פַארְלִיר מַיין אָטֶעם, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי דִי שְׁלֶעכְטֶע רוּחַ הָאט מִיךְ גֶעכַאפְּט, אִיךְ קֶען נִישְׁט וַוייטֶער אַזוֹי לֶעבְּן.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַז אִיךְ זָאל דִיךְ שְׁפִּירְן יֶעדֶע רֶגַע, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט דָא, דוּ טוּסְט אַלֶעס, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אִיךְ בִּין אִין דַיינֶע הֶענְט, אַזוֹי וִוי אַ קִינְד לִיגְט אִין שׁוֹיס פוּן דִי מַאמֶע אָן קַיין שׁוּם זָארְג, אוּן וָואס דִי קִינְד דַארְף בַּאקוּמְט זִי פוּן מַאמֶע.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין גֶעזוּנְט, אִיךְ וִויל זַיין רוּאִיג, אִיךְ וִויל זַיין פְרֵיילִיךְ, קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט מַיין סֵדֶר הַיּוֹם, שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט אוּן טוּן בַּייטָאג אַלֶע מַיינֶע גֶעבְּרוֹיכְן, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא וְתַלְמִידָיו הַקְדוֹשִׁים, אָמֵן סֶלָה".

אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַיֵי שָׂרָה תשפ"ו)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# קרן הדפסה אין פולן שוואונג

זינט מוהרא"ש האט אנטדעקט די הייליגע ספרים פון רבי'ן, וואס האבן איבערגעדרייט זיין לעבן, האט ער שטענדיג געשטרעבט צו מפיץ זיין די הייליגע ספרים פאר נאך אידן. ער האט געזען בחוש וואס א ספר פון א צדיק קען אויפטון - ווי פון א בחור וואס קען נישט איינזיצן איין מינוט, ווערט דורך די זיסע עצות א בחור וואס לעבט מיט'ן אייבערשטן, און געפונט זיין געשמאק אין לערנען, דאווענען און מצוות ומעשים טובים.

נאך אסאך יארן בעטן דעם אייבערשטן, אוועקגעבן שעות צו רעדן מיט מענטשן און האלטן דרשות, האט ער געזען אז די בעסטע וועג צו מפיץ זיין איז דורך די הייליגע ספרים. מענטשן ווילן פארשטיין וואס איז דאס ברסלב? וואס פארקויפט ברסלב? אנשטאט אריינגיין אין דרשות און ויכוחים, געבט מען א ספר - און דארט טרעפט מען שוין אליינס אלע תירוצים. די אלע קשיות פאלן גלייך אוועק ווען א מענטש איז טועם די ווערטער פון צדיק; ער זעט אז אויך ער האט א וועג צו קענען זיין אן ערליכער איד, מיט אלע זיינע נסיונות און דורכפעלער.

ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט געעפנט דעם קרן הדפסה, דעמאלט אויף א קליינעם פארנעם אין וויליאמסבורג, האט מוהרא"ש זי"ע געהאט א געוואלדיגע קורת רוח. ער האט געזען אז דא מיינט מען ביזנעס, דער ראש ישיבה שליט"א איז ממשיך די וועג וואס ער האט אויסגעטרעטן.

היינט איז דער קרן הדפסה א ריזיגער אפאראט. דאס דרוקן פון ספרים און קונטרסים איז טאקע דער הויפט ציל פונעם קרן, אבער עס איז בלויז איין אפטיילונג פון די פילע אפטיילונגען אינעם ריזיגן מוסד.

דא וועלן מיר געבן א קליינע באריכט איבער עטליכע ספרים וואס זענען געדרוקט געווארן אין די לעצטע וואכן

**ספרים איבער חינוך:** צווערשט קומען די ספרים פונעם ראש ישיבה שליט"א איבער חינוך. אויף די ספרים איז דא א געוואלדיגע פארלאנג. די מפיצים זאגן אז די ספרים מאכן ממש א רעוואלוציע אין דער חינוך וועלט. סיי אין די מוסדות, ווי מלמדים, לערערינס, מנהלים, און עלטערן, אלע שפירן אז זיי באקומען צוריק קאנטראל אין קלאס און אין שטוב, זיי טרעפן די שפראך צו זייערע קינדער. דער קונטרס **"חינוך מיט הארץ"** וואס איז געווען געדרוקט פאר א יאר צוריק אויף א גרויסן פארמאט, איז יעצט, אויף דעם פארלאנג פונעם ציבור, איבערגעדרוקט געווארן אויף א קליינעם פארמאט. אויך קומט ארויס אין די טעג א פרישער קונטרס מיטן נאמען **"די מיטל וועג"**, א הערליכער קונטרס בעניני חינוך.

**מעשה'לעך פאר קינדערלעך:** די סעריע ביכלעך "מעשה'לעך פאר קינדערלעך" - די זיסע מעשה'לעך פול מיט הארץ און נשמה וואס האלטן געשפאנט די קינדער אויף שעות, און לייגן אריין תמימות און אמונה אין די קינדער. אין די טעג האלט מען ביים ענדיגן נומער 4, און אט שיקט מען עס צום דרוק מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף.

**נאך נייע ספרים:** א הערליכער קונטרס **"חודש מרחשון מאיר ושמח"** - געשריבן דורך הרה"צ רבי יצחק לעזער שליט"א מיט זיין געשמאקער שפראך. א גאר שיינער קונטרס **"געזונטע אויגן"** אין גרויסן פארמאט, געשריבן דורך מוהרא"ש זי"ע, איבערגעטייטשט אויף אידיש דורך הר"ר מרדכי אינדיג שליט"א. קונטרס פון מוהרא"ש, **"Have No Fear"**, איבערגעטייטשט אויף ענגליש דורך הר"ר משה זאב שווארץ ז"ל. **"צוואת מוהרא"ש"** איבערגעטייטשט אויף אידיש, אין א גרויסן פארמאט. **"זויבערע אויגן"** נאך א געוואלדיגער קונטרס פון מוהרא"ש.

עס זענען דא נאך פילע פראיעקטן אויף וואס מען ארבעט אין די קארידארן פון קרן הדפסה, ועוד חזון למועד.


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יצחק פאפנהיים** שליט"א ירושלים עיה"ק
מנהל מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **מנחם שטיינבערג** הי"ו קרית ברסלב
חבר ההנהלה קרית ברסלב ליבערטי
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **בנציון ברוין** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

## וויפיל טעג ריין?

**די מעטאד פון ציילן וויפיל טעג מען האט זיך שוין געהאלטן שטארק, איז עס אן אויסגעהאלטענער מהלך?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 12, 1, 19**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידו"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**